FEDÉRATION DES SOCIÉTÉS JUIVES DE FRANCE ET KEHILA DE PARIS

TÉLÉPHONE { TRI. 54-64 / TRI. 86-29   29, RUE SAINT-LAZARE - PARIS (IX)   C. C. P. PARIS 6895-21

פאריז, דעם 9-טן פעברואר 1961

ח ש ו ב ע ר   פ ר י י נ ט ,

דערמיט זייגען מיר אייך מודיע, אז אויפן ווילטעטיקייטס-באזאר וואס ווערט איינגעארדנט דעם 19-טן און 20-טן פעברואר אין האטעל "מאדערן" לטובת דעם מושב זקנים אין בואסיס, וועט אויפגעשטעלט ווערן א סטאנד פון יידישע ביכער.

מיר האבן דעריבער דעם כבוד אייך פארצושלאגן צו באזארגן אונז צום פארקויף א געוויסע צאל פון די דורך אייך ארויסגעגעבענע ביכער. ס'פארשטייט זיך, אז מיר זאגן זיך אפ פון פארדינס פון וועלכן ניט איז ריווח-פראצענט ביים פארקויפן די דאזיקע ביכער.

די ביכער קענט איר צושיקן אין סעקרעטאריאט פון דער פעדעראציע-קהלה, 29 רו סאן-לאזאר, ביז דאנערשטיק, דעם 16-טן פעברואר. –

מיט די בעסטע גרוסן
דער סעקרעטאריאט

J. F.
29, rue St-[illegible]re, PARIS-9e